# פרשת וירא ט' – ט"ו חשון תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו (חתן הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **שלום פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז אברהם אבינו האט מתפלל געווען אז ער האט נישט קיין קינדער, מה תתן לי ואנכי הולך ערירי. און דער אייבערשטער האט אים ארויסגענומען אינדרויסן, ויוצא אותו החוצה, און ער האט אים געזאגט, אז ער זאל קוקען אויף די שטערנס, כה יהיה זרעך (בראשית טו-ה). עס איז דא מערערע פשטים אין רש"י, וואס עס איז דער ויוצא אותו החוצה. איין פשט זאגט רש"י, אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים אין שטוב, וואו מען קען נישט זעהן קיין כוכבים, האט אים דער אייבערשטער ארויסגעטראגען אינדרויסן, צו ווייזן די כוכבים. א צווייטע פשט זאגט רש"י, אז ער האט אים געזאגט, צא מאצטגנינות שלך. די מזלות האבן געוויזען, אז דו קענסט נישט האבן קיין קינדער, אבער דו ביזט העכער פונעם מזל, און דו קענסט יא האבן קינדער.

**נאך** א פשט זאגט רש"י, אז ער האט אים גענומען, און ער האט אים אויפגעהויבן מחללו של עולם, העכער פון די וועלט. און ער האט אים געזאגט, הבט נא, קוק אראפ פון אויבן, און אזוי זאלסטו ציילן די כוכבים. וואס איז דער ענין אז דער אייבערשטער האט גענומען אברהם אבינו, און ער האט אים אויפגעהויבן העכער פון די וועלט (ב"ר מד-יב). אין די וועלט האט אים דער אייבערשטער נישט געקענט ווייזען די כוכבים, אז אזוי וועלן זיין זיינע קינדער? וואס איז געווען די נקודה וואס דער אייבערשטער האט גענומען אברהם אבינו, און ער האט אים געשטעלט אין דער הייך, און אזוי זאל ער אראפקוקען אויף די כוכבים.

**חז"ל** (ברכות סא.) זאגן, חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, א יוד איז מחוייב שטענדיג צו דאנקן דעם אייבערשטען אפילו אויף א זאך וואס איז רעה, עס איז נישט אזוי ווי מען האט געוואלט, פון דעסטוועגן דאך, דארף מען עס מקבל זיין בשמחה, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, וואס דער אייבערשטער טוט, איז גוט.

**אמאל** זעהט מען אליין במשך הימים די טובה וואס איז געווען דערין, און אמאל זעהט מען נישט, נאר מען גלייבט אז עס איז לטובה. דער **חתם סופר** (בתורת משה פ' כי תשא רג.) זאגט, וראית את אחורי ופני לא יראו (שמות לג-כג). דער אייבערשטער האט דעמאלטס געזאגט פאר משה רבינו די שלש עשרה מדות, אז דער אייבערשטער איז א א-ל רחום וחנון. אבער נישט אייביג זעהט מען דעם רחום וחנון, דער אייבערשטער האט אים געזאגט, 'וראית את אחורי', ווען דו וועסט קוקען צוריק צו וועגס, דעמאלטס וועסטו זעהן אז עס איז געווען גוט. אבער 'ופני', בשעת מען האט די זאך פאר זיך, 'לא יראו', דעמאלטס דערקענט מען עס נישט.

**מען** זעהט אסאך מאל ביי שידוכים. **א מענטש וויל אמאל זייער שטארק א שידוך וכדומה, און ער האט געהאלטן אז עס איז א גליק שידוך, און פון הימל האט מען נישט אזוי געפירט, און ער איז זיך מצער פארוואס דער שידוך ווערט נישט. אבער ווען עס גייען אדורך יארן, און ער האט חתונה געהאט, און יענער האט חתונה געהאט, און נאכדעם ווערט ער געוואר אז יענער האט נישט קיין קינדער, צו יענער איז נישט געזונט, צו יענער איז אוועק יונגערהייט, וואס מאכט זיך**

**אלץ פראבלעמען אויף די וועלט. זאגט ער פארן רבונו של עולם, איך דאנק דיר אויף דעם וואס דו האסט מיר נישט צוגעפירט דעם שידוך, ווייל אז נישט, וואלט איך געדארפט אויסקוקן און זיך פלאגן אזוי ווי יענער.**

**א מענטש האט א פרנסה, און מען זאגט אים אפ די פרנסה, מען זאגט אים אפ זיין דזשא"ב, און ער איז זיך מצער, און ער בלייבט א שטיק צייט אן פרנסה. נאכדעם העלפט אים דער אייבערשטער, אז ער קומט צו, און ער מאכט זיך אליין א געשעפט, און ער הייבט אן מצליח צו זיין, און ער ווערט נתעשר, דעמאלטס דאנקט ער דעם אייבערשטען אויף דעם וואס ער האט אים ארויסגעשיקט פונעם דזשא"ב, ווייל טאמער נישט, בין איך נאך דארט היינט אויך, און איך בין ווייטער א ארבייטער.** ווען א מענטש קוקט צוריק, וראית את אחורי, זעהט מען די טובות וואס ליגט דערין.

**אמאל** איז דא וואס א מענטש זעהט עס נישט ביים לעבן, אבער שפעטער ווערט מען געוואר ווערן די טובה וואס איז דא דערין. עס שטייט פונעם **צל"ח** (פסחים נ.), אויף די וועלט איז דא צוויי ערליי ברכות, אויף טובות זאגט מען הטוב והמטיב, און אויף שמועות רעות זאגט מען דיין האמת, אבער לעולם הבא, כולו הטוב והמטיב (שם). נישט אז עס וועט זיין נאר גוטס, און מען וועט מאכן הטוב והמטיב, נאר מען וועט צוריקקוקען אויף די אלע רעות וואס מען האט געהאט, וועט מען זעהן אז עס איז כולו הטוב והמטיב, אלעס איז געווען נאר גוט.

**עס** איז דא א ספר **אלופי יהודא**, פונעם **סאסרעגענ'ער רב**, ברענגט ער צו אין פרשת כי תבוא א שיין ווארט פון זיין ברודער. רש"י (בראשית יח-טז) זאגט, אז וואו עס שטייט השקיפה, איז עס לרעה. אבער איין השקיפה איז דא, וואס איז לטובה. השקיפה מן השמים וברך את עמך את ישראל (דברים כו-טו), און רש"י זאגט, ווייל צדקה טוט מהפך זיין די מדת הדין אויף מדת הרחמים, וועגן דעם שטייט השקיפה און עס וועט זיין וברך.

**ברענגט** ער צו, אז בימיו פון דעם **רבי ר' אלימלך זי"ע**, איז געווען א שווערע גזירה, און דער **רבי ר' אלימלך** האט עס נישט געקענט מבטל זיין. און ער האט געזאגט, אז ווען ער וועט אוועקגיין פון די וועלט, וועט ער נישט רוען, און ער וועט איינרייסן, אז מען זאל מבטל זיין די גזירה. דער **רבי ר' אלימלך** איז אוועק, און עס האט זיך נישט געטוישט די גזירה. און די תלמידים האבן מתפלל געווען, אז ער האט צוגעזאגט אז ער גייט מבטל זיין די גזירה. האט דער **רבי ר' אלימלך** זיך מגלה געווען צו איינע פון די תלמידים, און ער האט אים געזאגט, אז יעצט איז ער אין הימל, און אין הימל זעהט ער זאכן מיט אנדערע אויגן פון דא אונטן. און ער זעהט די געוואלדיגע טובה וואס איז דא, אז יודען זאלן אדורכגיין די צרה, קען ער נישט מתפלל זיין אויבן דערויף. אבער אונטען וואו מען זעהט נישט, דא קען מען איינרייסן דערויף, אבער ער אויבן אין הימל קען אויף דעם נישט מתפלל זיין (**דברי תורה** מהדו"ק אות קיח). על כל פנים זעהט מען, אז זאכן וואס דא קוקט עס אויס שלעכט, אבער אויבן איז עס גוט.

**יעדע** השקפה איז לרעה, א מענטש קוקט זיך אום אויף די וועלט, איז דא זאכן וואס איז גוט, עס איז א ראיה און א הבטה, אבער נאכדעם איז דא זאכן וואס איז רעה. אבער ווען דער השקיפה איז מן השמים, ווען מען קוקט אראפ אויף דעם פון אויבן, איז דער רעה אויך א טובה. יעדע השקפה איז לרעה, אבער די השקיפה מן השמים, ווען די זעלבע השקיפה וועסטו קוקען פון אויבן, וועסט זעהן אז עס איז נישט א רעה, נאר עס ליגט דערין א טובה.

**אברהם** אבינו האט זיך מצער געווען, אזויפיל יארן גייט אדורך, און דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן קיין קינדער. אודאי איז געווען א חשבון פארוואס דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן די קינדער יעצט, אבער פאר די אויגן קוקט עס אויס א רעה, מען פלאגט זיך אזויפיל יארן, מה תתן לי ואנכי הולך ערירי. האט אים דער אייבערשטער אויפגעהויבן חוץ מחללו של עולם, קוק ווי אזוי מען קוקט עס פון

אויבן. פון אויבן קוקט מען עס אנדערש. דא אויף די וועלט קוקט מען טאקע אז עס איז מה תתן לי, אבער ווען דו וועסט קוקען אויף די זאך חוץ מחללו של עולם, השקיפה מן השמים, ווען דו וועסט קוקען פון אויבן, וועסטו פארשטיין די טובה דערין.

**דער** אייבערשטער האט טאקע צוגעזאגט קינדער פאר אברהם אבינו, און ער האט אים צום סוף געגעבן קינדער, ער האט אים נאר אויסגעמוטשעט אזוי א יאר נאך יאר. און אברהם האט געווארט ווען וועט שוין מקויים ווערן די ברכה. ער איז אלט געווען פינף און זיבעציג יאר ווען דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט די ברכה, און ער האט ערשט געהאט די קינדער ביי די הונדערט. פינף און צוואנציג יאר נאכדעם וואס ער האט געהאט א הבטחה פונעם אייבערשטען, האט ער נאך געווארט. יעדער מענטש וואלט געמיינט, אז מיט די הבטחה פונעם אייבערשטען, איז עס טייטש מארגן איבערמארגן, עס גייט שוין געשען. און עס גייט אדורך צוואנציג, און צוויי און צוואנציג, און פינף און צוואנציג יאר, ביז עס קומט אן די ברכה וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט.

**פארוואס** האט אים דער אייבערשטער אזוי אויסגעצויגן? ווייל רש"י זאגט די פאריגע וואך, אויפן פסוק (בראשית טו-טו) תקבר בשיבה טובה, אז אברהם אבינו וואלט געדארפט לעבן מיט נאך פינף יאר לענגער, מען האט נאר נישט געוואלט אז ער זאל זעהן ווי אזוי עשו איז יוצא לתרבות רעה, האט מען אים צוגענומען מיט פינף יאר פריער. וואס טוט זיך ווען אברהם וואלט געהאט קינדער מיט צעהן יאר פריער, און עשו וואלט שוין געווען מיט צען יאר עלטער, וואלט מען געדארפט צונעמען אברהם אבינו מיט צען יאר פריער. און ווען ער וואלט געהאט קינדער מיט צוואנציג יאר פריער, וואלט אברהם געדארפט אוועקגענומען ווערן פון די וועלט מיט צוואנציג יאר פריער. איז דאך געווען א חסד פונעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן די קינדער שפעטער. דו האסט קינדער און דורות, אויפגעשטעלט א גאנצע כלל ישראל, און מען האט דיר אויסגעצויגען דיין לעבן. אבער פון דא אונטען זעהט מען דאך נישט, מען ווייסט נישט די חשבונות פון אויבן, קוקט מען עס אן לרעה. ויוצא אותו החוצה, האט אים דער אייבערשטער ארויפגעברענגט אויבן, און יעצט האט ער משיג געווען, אז זאכן וואס מען קוקט אן אויף די וועלט פאר א רעה, אבער אויבן איז עס א טובה.

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **הערש לייב פראמאוויטש** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג רבי **יעקב דוד כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **יחזקאל שרגא פרענקל** שליט"א (חתן הרה"ג רבי יחזקאל טעמפלער שליט"א, אב"ד קהל קול משה וראה"כ שערי לימוד), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**. אחר ברכת המזון והמצוה טאנץ של אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** רקד **רבינו שליט"א** לפני הכלה.

*

***<u>יום שני פרשת וירא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הרב **אברהם שיף** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **קלמן פישער** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב יוסף פייפער** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, עב"ג בן הרב **יצחק שטראם** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב יוסף פייפער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של מרת שטענדיג ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר** שטענדיג ע"ה) שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מלווה צו זיין א אשה חשובה מאד, רוב ימיה האט זי געדאווענט און שופך שיח געווען דא אין בית המדרש. מען געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געשיקט די מלאכים צו אברהם אבינו, מבשר צו זיין אז שרה וועט האבן א קינד. און די מלאכים האבן געגעסן ביי אברהם אבינו, און זיי האבן נאכדעם געפרעגט איה שרה אשתך (בראשית יח-ט), וואו איז דיין ווייב שרה. ויאמר, האט ער געענטפערט, הנה באהל, זי איז אין געצעלט. און מען האט אים אנגעוואונטשען די הבטחה, אז ער גייט האבן א קינד דאס קומענדיגע יאר.

**אין** די מפרשים שטייט, אז די מלאכים האבן זיך געוואונדערט, מען שיקט אראפ מלאכים פון הימל אויף די וועלט מבשר צו זיין א בשורה פאר אברהם, מען איז מטריח מלאכים וואס זענען שרפי מעלה, זיי דינען דעם אייבערשטען אויבן, וכולם פותחים את פיהם בקדושה ובטהרה, ומברכין ומשבחין ומפארין, און מען שיקט זיי אראפ מיט א שליחות צו א בשר ודם אויף די וועלט, מבשר צו זיין אז זיי גייען האבן א קינד. מוזן אברהם מיט שרה זיין גאר גרויסע לייט, אז זיי זאלן זוכה זיין צו אזא מדריגה, אז מען זאל אראפשיקן מלאכים מבשר צו זיין די בשורה.

**אברהם'ס** מדריגה האבן זיי געזען, אברהם אבינו איז געווען שלישי למילה, און עס איז געווען כחום היום, א הייסע טאג, מענטשען גייען נישט ארום, און אברהם האט זיך אזוי מטריח געווען, ואל הבקר רץ אברהם, ער האט אריינגעברענגט די מלאכים אין שטוב, אברהם איז דאך געווען דער עמוד החסד. האבן זיי געזען אז אברהם אבינו איז כדאי אז מען זאל אראפשיקן פון הימל מלאכים, מבשר צו זיין אזא בשורה.

**אבער** די בשורה איז דאך געווען פאר שרה, פאר אברהם האט מען שוין מבטיח געווען פאר דעם אז ער וועט האבן קינדער. אין וואס פאר א מדריגה שטייט שרה, אז זי איז זוכה צו אזא מעלה אז מען זאל שיקן מלאכים. האבן זיי געפרעגט אברהם אבינו, 'איה שרה אשתך', אין וואס פאר א מדריגה שטייט דיין ווייב שרה, אז זי האט זוכה געווען צו באקומען אזא הבטחה פון אויבן אין הימל. 'ויאמר', האט ער געענטפערט, 'הנה באהל', זי איז א צנועה, זי דרייט זיך נישט ארום אינדרויסן, זי פירט זיך אויף ערליך. אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך (תהלים קכח-ג), זי געפונט זיך בירכתי ביתך, דאס גייט ארויף אויף צניעות. אזוי ווי די ווינקל פון א שטוב איז אין די זייט, אזוי פירט זי זיך אויף. הנה באהל, די גאנצע חשיבות איז, כל כבודה בת מלך פנימה, אז זי געפונט זיך באהל. ווייל אויב עס איז אשתך כגפן פוריה, ווען זי איז זוכה אז זי זאל זיין כגפן פוריה בירכתי ביתך, ווען מען פירט זיך אויף מיט צניעות, דעמאלטס איז בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, דעמאלטס האט מען קינדער וואס זענען שתילי זיתים, זיי לייכטן אזוי ווי זיתים, סביב לשלחנך, ארום דעם טיש. דאס איז די מדריגה פון שרה, אז שרה האט זוכה געווען אז זי געפונט זיך שטענדיג באהל, זי פירט זיך מיט ערליכקייט, מיט צניעות, מיט באשיידנקייט, און פארדעם איז מען זוכה צו האבן גוטע קינדער. אזוי שטייט אין די גמרא

(יומא מז.) אז מען האט געפרעגט קמחית, פארוואס זי האט זוכה געווען צו האבן זיבן קינדער כהנים גדולים? האט זי געענטפערט, אז דאס איז מכח די צניעות וואס זי האט געהאט.

**מען** געפונט אין די פרשה, אז נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו אז ער זאל ברענגען יצחק צו די עקידה, איז שרה נסתלק געווארן. ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה (בראשית כג-ב), אברהם אבינו איז געקומען באוויינען שרה. זאגט דער מדרש (ב"ר נח-ה) מהיכן בא, פון וואו איז ער געקומען, מהר המוריה בא, ער איז געקומען פון הר המוריה. דער פשוטער פשט איז, אז ער איז יעצט געווען אין הר המוריה, ביי די עקידה פון יצחק, און פון דארט איז ער געקומען מספיד זיין שרה.

**אין** די מפרשים שטייט, אז דער פשט דערפון איז, אברהם אבינו האט געזוכט, וואס ער קען ארויסברענגען די מעלה פון שרה, ארויסברענגען די שענסטע פונקט פון איר לעבן וואס זי האט געהאט, און מיט דעם צו באקלאגן און באוויינען שרה. האט ער זיך מתבונן געווען, אז די שענסטע מדריגה וואס זי האט געהאט איז, אז זי האט געהאט אזא קינד ווי יצחק, וואס איז גרייט אויף מסירת נפש. יצחק איז געווען גרייט זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטען, אויף א דיבור וואס ער האט נישט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, נאר אברהם אבינו האט אים אזוי געזאגט, פון דעסטוועגן דאך, איז ער געגאנגען מיט אזא אמונת חכמים, און ער איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין. מוז זיין די שרה אין א גאר הויכע מדריגה, אז זי איז זוכה צו האבן אזא קינד ווי יצחק.

**ויבא** אברהם לספוד לשרה, אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה, 'מהיכן בא', פון וואו איז ער געקומען, פון וועלכע פונקט איז ער געקומען ארויסברענגען די שיינקייט פון שרה, איר מספיד צו זיין. 'מהר המוריה בא', אז זי האט א קינד וואס איז געווען גרייט צו גיין אויפן המוריה, זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטן. אז מען האט ערליכע קינדער, דאס איז די העכסטע מדריגה צו וואס א מענטש קען זוכה זיין, און דאס איז די פראכט פון א אשה חשובה, און א בת ישראל, אז מען שטעלט אויף א שטוב, וואס די קינדער זענען בני תורה.

**די** חשובע נפטרת האט געהאט אין זיך ביידע מעלות. הנה באהל, זי איז געווען א אשה צנועה בירכתי ביתך. געזוכט באשיידנקייט, דאס לעבן איז געווען באשיידן. און דער אייבערשטער האט איר געהאלפן אז זי האט אויפגעשטעלט א שטוב פון קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך, תלמידי חכמים, בעלי חסד, און עוסקים בצרכי ציבור באמונה, און טוען אסאך פארן כלל ישראל. אויפצושטעלן אזא שטוב, דאס ווייזט אויף די מדריגות וואס מען האט געהאט אליין, וואס נישט יעדע מאמע איז דאס זוכה. דאס איז געווען די קרוין פון די שטוב, וואס בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די אלע גוטע מעשים וואס זי האט געטון ביים לעבן, זאלן איר אקעגן קומען. צדק לפניו יהלך, אז מען טוט גוטס, דאס קומט יעצט אקעגן. אפילו מען האט נישט באצאלט אמאל אויף די וועלט, ווערט עס באצאלט יעצט. ווען עס קומט די צייט וואס מען גייט ארויף אויף יענע וועלט, קומען זיך צוזאם די אלע זכותים, און די זכותים פון די קינדער און אייניקלעך, די שיינע דורות וואס מען האט אויפגעשטעלט. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זי זאל צוקומען צו איר מנוחה נכונה, און זי זאל זיין א מליצה יושר פאר די גאנצע משפחה, און פאר אלע נאנטע. און עס זאל שון מקויים ווערן ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **אברהם שלמה**

**באנדא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי אהרן אבערלאנדער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ראזענפעלד שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **וואלף ראזענפעלד** הי"ו).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן בן הר"ר **יעקב משה רויזענפעלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם שאמועל** הי"ו (חתן הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א), ושל החתן בן הרב **יצחק שטראם** הי"ו, עב"ג בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אביגדור שפיטצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אריה שמואל פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה דקהלתנו הק'), שהתקיים בביתו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **פנחס דוד קאליש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הערשל מאנדל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה צבי איזריעל** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **יצחק יעקב כייעם** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק אייזיק מאיר בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם הילמאן פלאזא.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הרב **אלימלך בראך** שליט"א (מלמד בת"ת וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **אברהם יצחק מאיר מערץ** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב **הרה"ג רבי משה פלאם שליט"א** אב"ד סטרעטין (חתן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד פרעשבורג, שהתקיים בבית המדרש פרעשבורג.

*

***יום שישי פרשת וירא***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **אברהם יוסף פנחס גרינוואלד** שליט"א שהתקיים בבית המדרש טעטש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל האלברשטאם שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי בית מדרשנו זכרון יהודא באולם סקווירא, לכבוד נישואי בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ הבית המדרש, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז פאר מיר א עקסטערע שמחה, ווען איך זעה די געטרייקייט פון די יונגעלייט פאר זייער חשוב'ן דיין, אהערצושטעלן אזא שיינע שמחה. דאס ווייזט אויף די הכרת הטוב וואס מען פילט אז מען איז שולדיג, און מען איז מכיר טובה. נישט אייביג איז דא די געלעגנהייט אז מען זאל עס קענען ארויסווייזן, אבער ווען מען האט א שמחה אין שטוב, וואס דער אייבערשטער העלפט מען קומט זיך צוזאם, איז עס א מקום וואס מען ווייזט ארויס, אז מען פארשטייט די געוואלדיגע כוחות וואס דער חשובער דיין לייגט אריין אין די יונגעלייט.

**איך** וועל אנהייבן מיט א ווארט אין די פרשה, אברהם אבינו ווען ער האט אויפגענומען די געסט, האט ער געזאגט, ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו (יח-ה). עס שטייט אין **ערוגת הבשם** (בפרשתנו), אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כח-א), אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל מקבל זיין די תורה, האבן די מלאכים געוואלט פוגע זיין אין משה רבינו, און דער אייבערשטער האט צר געווען קלסתר פנים של משה אזוי ווי אברהם, און ער האט געזאגט פאר די מלאכים, לא זה הוא שאכלתם בתוך ביתו, עטץ האטס געגעסן ביי אים אין שטוב, און דורכדעם זענען די מלאכים שטיל געווארן, און געלאזט אז משה רבינו זאל מקבל זיין די תורה. די גמרא (מנחות לד:) זאגט, אז פת איז טייטש צוויי. ט"ט פ"ת, פת באפריקא שתים. לחם איז דאך די תורה הק', לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה). האט אברהם געזאגט, ואקחה פת לחם, דורך די סעודה וואס עטץ קומטס יעצט עסן ביי מיר, וועל איך קענען שפעטער מקבל זיין די צוויי תורות, פ"ת לחם, די צוויי לחם'ס, תורה שבכתב און תורה שבעל פה.

**עס** קען אפשר זיין נאך א נקודה. אברהם אבינו בשעת ער האט געהאט די אורחים ביי זיך אין שטוב, האט ער געזוכט ווי אזוי ער קען זיי לערנען, ווי אזוי ער קען זיי פירן אויפן ריכטיגן וועג. כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יא), אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט, איז נאר אז עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים. א איד קען מיט יעדע זאך וואס ער טוט, ארויסברענגען כבוד ה'. לא מיבעא ווען מען רעדט פון תורה ומצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען. די עצם ציווי וואס א איד איז מקיים, איז דאך כבוד ה'. אבער אויך אין אלע עניני גשמיים ווייסן מיר דאך בכל דרכך דעהו (משלי ג-ו), עסן, שלאפן, האנדלען, אלעס קען זיין אן עבודת ה'. נמצא עובד את בוראו תמיד (שו"ע או"ח סימן רלא), ער דינט דעם אייבערשטן שטענדיג. וואס ער טוט, טוט ער כדאי ער זאל קענען מיט דעם דינען דעם אייבערשטען. ער עסט כדי ער זאל האבן כח צום לערנען, ער שלאפט כדי ער זאל זיין אויסגערוהט צום לערנען, ער טוט אין פרנסה כדי ער זאל קענען מגדל זיין די קינדער, און אזוי ווייטער. מיט אלעם קען מען דינען דעם אייבערשטן, און דאס איז די עבודה פון יעדן איד.

**די** עיקר חשיבות פון עבודה איז, וואס א איד טוט לשם שמים, פארן אייבערשטן'ס וועגן. עס איז דא מצוות וואס עס איז נישטא קיין הנאת הגוף דערביי, און עס איז גרינג אז מען זאל עס קענען מקיים זיין בלתי לה' לבדו. עס איז אבער דא מצוות וואס זענען פארבינדן מיט דברים שנפשו של אדם מחמדתן, וואס דער טבע פונעם מענטש גליסט דערצו, און פון דעסטוועגן דאך, אויב א איד איז עס מכוין לשם שמים, ער טוט עס ערליך, דאס איז די חשיבות פון די מצוה. עסן סעודת שבת וכדומה, בעצם עסן איז דאך א מענטש בטבעו פארלאנגט זיך דאך צו עסן, און פון דעסטוועגן דאך, אויב ער

טוט עס לשם שמים, ער עסט פארן אייבערשטנ'ס וועגן, האט א חשיבות די מצוה. א מצוה וואס איז נישט פארבינדן מיט הנאת הגוף, איז גרינג מקיים צו זיין בלתי לה' לבדו, ער לייגט יעדן טאג תפילין, און ער טוט אן א טלית, ער האט נישט קיין שום הנאה דערפון, ער טוט עס נאר ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, טוט מען עס לשם שמים. אבער די חשיבות פון עבודת ה' איז, אז זאכן וואס איז יא פארבינדן מיט הנאת הגוף, און פון דעסטוועגן דאך טוט עס א מענטש פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן.

**איך** האב געזעהן שטיין, איך מיין פונעם **מלבי"ם**. די וואך איז די פרשה פון עקידה, דער אייבערשטער האט געהייסן אברהם אבינו, ער זאל נעמען יצחק, און ער זאל אים ארויפלייגן אויפן מזבח, און ברענגען פאר א עולה. שפעטער האט אים דער אייבערשטער געהייסן ער זאל אים אראפנעמען, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה (כב-יב), אז דו ביסט א ירא אלקים. עתה ידעתי, נאר יעצט? תיכף ווען ער האט געטראגן צו שחט'ן יצחק, האט דאך אויך דער אייבערשטער שוין געזעהן, אז ער גרייט אים צו טראגן שחט'ן, איז ער איז א ירא אלקים?

**זאגט** דער **מלבי"ם**, דער אייבערשטער האט געהייסן פאר אברהם אבינו קודם, ער זאל ברענגען יצחק אויף די עקידה פאר אן עולה. צו ברענגען א קינד און מקריב זיין פארן אייבערשטן, איז נישטא קיין הנאת הגוף דערביי, פארקערט, עס איז דאך א צער פאר די עלטערן, איך טו מקריב זיין א קינד פארן אייבערשטן, איז בלתי לה' לבדו, איז נישט קיין קונץ אז א איד טוט עס ערליך, ער האט דאך נישט קיין שום הנאה דערפון. דער אייבערשטער האט אבער געגעבן נאכדעם א צווייטן ציווי פאר אברהם אבינו, ער האט אים געהייסן, ער זאל אים אראפנעמען פון די עקידה. דא איז דאך שוין דא א שמחה פאר א טאטען, אז ער האט זיין קינד צוריק. און אברהם אבינו האט אראפגענומען יצחק פון די עקידה, נישט ווייל ער זאל פארדינען איך האב יעצט א קינד. נאר דער זעלבער באשעפער וואס האט מיר געהייסן ארויפלייגן, און איך האב אים דעמאלטס געפאלגט, ער הייסט מיר יעצט אראפנעמען, פאלג איך אים יעצט אויך. כאטש ער האט געהאט דערביי הנאת הגוף, פון דעסט וועגן דאך האט ער נישט געקוקט דערויף, ער האט דאס געטון נאר, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי מצווה געווען.

**ווי** אזוי ווייסט מען. אפשר ווען ער האט אראפגענומען יצחק האט ער עס געטון ווייל ער האט צוריק באקומען א קינד? רש"י ברענגט צו, אז בשעת דער אייבערשטער האט אים געהייסן אראפנעמען, האט אברהם געזאגט, אפשר זאל איך כאטש מאכן עפעס א מום אין אים, אפשר עפעס טוען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אל תעש לו מאומה, טו מיט אים גארנישט, מאך אים נישט קיין מום. זעהט מען דאך, אז אפילו ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן אראפנעמען, וואלט ער דאך זיך געדארפט פרייען אז ער האט זיין קינד, פונדעסטוועגן דאך האט ער ווייטער געוואלט עפעס טון פארן אייבערשטן. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, יעצט ווייס איך אז דו ביסט א ירא אלקים. ווען איך האב דיר געהייסן ברענגען יצחק אויף די עקידה, און דו האסט געפאלגט, איז נאך נישט קיין ראיה אז דו ביסט א ירא אלקים, עס איז נישט קיין חידוש אז ווען א מענטש טוט דעם רצון פונעם אייבערשטן, ווי ער האט נישט קיין הנאת הגוף דערביי, אז ער טוט עס בלתי לה' לבדו. אבער איך האב דיר געהייסן יעצט אראפנעמען דיין קינד פון די עקידה, און דו זאגסט אז דו ווילסט נאך מאכן א מום אין אים, עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, דאס איז א ירא אלקים.

**עבודת** ה' איז דא ביי יעדע זאך, אבער א זאך וואס איז פארבינדן מיט א הנאה, איז שווער אז א איד זאל עס טון אמת'דיג לשם שמים, דארט שיילט זיך אויס, צו א איד איז א ערליכער איד. עס איז דא א ווארט פון איינע פון די צדיקים, על שתי לחם יבצעו תמימים (בזמר יום זה מכובד). 'לחם' האט צוויי טייטשן. דאס עסן פונעם

מענטש ווערט אנגערופן לחם, און דער זיווג פון א איד, ווערט אויך אנגערופן כי אם הלחם אשר הוא אוכל (בראשית לט-ו). על שתי לחם, ביי די צוויי לחם'ס, יבצעו, ווערן צעבראכן, אפילו תמימים, אפילו ערליכע אידן. מען זאל קענען זאגן אז מען טוט די צוויי לחם'ס לשם שמים, איז אויף דעם א שווערע עבודה. עס איז יבצעו תמימים, אפילו ערליכע אידן איז שווער אז זיי זאלן עס טון פארן אייבערשטן'ס וועגן, ווייל עס איז פארבינדן מיט א הנאת הגוף.

**אברהם** אבינו בשעת ער האט אריינגעברענגט די אורחים, האט ער געזאגט, איך גיי ענק אויסלערנען ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטן. 'ואקחה', איז א לשון פון לימוד, יערוף כמטר לקחי (דברים לב-ב), כי לקח טוב נתתי לכם (משלי ד-ב), 'פת לחם' האבן מיר דאך פריער געזאגט, דאס איז טייטש צוויי לחם'ס. ואקחה. איך וועל ענק אויסלערנען. פת לחם, ווי אזוי א איד דארף זיך פירן מיט די צוויי לחם'ס, אז עס זאל זיין וסעדו לבכם, לבבכם אין כתיב כאן אלא לבכם (רש"י שם), איין לב, נאר פארן אייבערשטן, דאס איז דער וסעדו לבכם אחר תעבורו.

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, פון א חשוב'ער חתן וואס איז געזעסן און געלערנט, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ער איז אריינגעקומען אין אזא חשובע שטוב. איך מיין אז ער ווייסט נאך נישט וואס פארא גוטן שידוך ער האט געטון. ווי מער ער וועט זיין אין די שטוב, וועט ער געוואויר ווערן ווי אזוי עס קוקט אויס א שטוב פון הרבצת התורה. דער גאנצער קאפ איז, ווי אזוי מען קען דערהייבן תורה, דערהייבן די יונגעלייט, דאס איז די חשיבות פון א זיווג, אז מען זאל קענען אריינקומען אין א שטוב, ווי מען זאל קענען ווייטער שטייגן אין עבודת ה'.

**דער** אייבערשטער זאגט די וואך אין די פרשה, אז אברהם אבינו, נאך אלע זיינע גרויסע מדריגות וואס ער האט געהאט, כי ידעתיו, איך האב אים וועגן דעם ליב, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ה' (יח-יט). אברהם אבינו האט נישט געקוקט אויף זיך, אברהם אבינו האט זיך אינגאנצן אויפגעגעבן. פאר זיך וואלט ער געקענט זיצן און דינען דעם אייבערשטן, ער האט זיך אפגעגעבן מיט בני ביתו אחריו, אריינגעברענגט גרים תחת כנפי השכינה, אוועקגעגעבן דעם טאג פאר אנדערע. און אויף דעם האט דער אייבערשטער געזאגט, כי ידעתיו, איך האב אים ליב, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה', ער קוקט נישט אויף זיך אליין, ער קוקט וואס ער קען אויפטון פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן, מרבה צו זיין יראים למקום, דאס איז געווען די עבודה וואס דער אייבערשטער האט ליב געהאט אברהם אבינו.

**עס** שטייט דאך הדבק במידותיו (שבת קלג:), א איד דארף זיך מדבק זיין אין די מידות פונעם אייבערשטן. אז דער אייבערשטער האט ליב איינעם וואס איז זיך מפקיר פאר אנדערע, דארף א איד אויך ליב האבן אזא חשובן דיין וואס איז זיך מפקיר אינגאנצען לטובת אחרים, ארויסצוהעלפן אנדערע. כי ידעתיו, דארפן מיר האבן א עקסטערע אהבה דערצו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו. דאס איז די הכרת הטוב וואס די יונגעלייט געבן ביי די סעודת שבע ברכות, ארויסצווייזן אז מען איז באמת מכיר טובה אויף דעם וואס מען דערהייבט, און מען שטייגט די גאנצע צייט. דער מלאך שטייט אויפן עשב, און ער שלאגט אים, ער זאל וואקסן, ער זאל שטייגן. מען שטייט אויפן קאפ, אז מען זאל זיך פירן ערליך, אין תורה און עבודת ה'.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען שטענדיג מיטפרייען אלע צוזאמען. דער באשעפער זאל געבן פארן חשובער דיין זאל זיין געזונט, ער זאל זעהן שמחות און נחת פון אלע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און פאר זיין חשובן שווער זאל דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן, ער זאל קענען ווייטער מיטטיילן ביי אלע שמחות. און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו שמחות ביי אונזערע קינדער, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת חיי שרה ט"ז – כ"ב חשון תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת שטענדיג שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר שטענדיג** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** עס דערמאנט אסאך זכרונות פון די יונגע יארן.

**א' האבלים:** דער סאמבאטהעלער בית המדרש איז געווען א בית המדרש פיל מיט עלטערע יודען. ווען איך בין געווען א יונגעל זענען שוין אלע געווען אלטע יודען.

**רבינו:** זיי זענען געווען וואוילע יודען, תלמידי חכמים און ערליך, איינס ביי איינס.

**א' האבלים:** אזעלכע בתי מדרשים זעהט מען נישט היינט.

**א' האבלים:** איך וואוין נעבן די יונגעלייט בית המדרש אין מאנסי, עס איז א וואוילע מנין. איך גיי דארט אריין ביי שלש סעודות, עס איז מורא'דיג שיין. דער עולם האלט זיך זייער שיין צוזאמען. איך זעה די בחורים פון די ישיבה וואס קומען דארט, עס איז דא אזא אחדות צווישן זיי.

*

**רבינו:** איך זעה אז די משניות זענען צוריסן, עס איז א גוטע סימן.

**א' האבלים:** אויך דער **אור החיים הק'** און דער **רבינו בחיי**.

**רבינו:** מען ברענגט צו אז דער **חתם סופר** האט געזאגט, אז ער לערנט יעדע יאר אין **רבינו בחיי**, און יעדעס יאר טרעפט ער דארט א חידוש, וואס ער האט נישט באמערקט פון פריער. ער ברענגט אסאך צו דעם **רבינו בחיי**.

**א' האבלים:** מיין נעפיו האט נישט געהאט קיין קינדער די ערשטע פאר יאר, און מיין טאטע האט אים געזאגט, אז ער זאל לערנען יעדע פרייטאג פאר צען מינוט אין **רבינו בחיי**, וועט ער געהאלפן ווערן. און ער איז געהאלפן געווארן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת צענווירטה שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם אלעזר צענווירטה** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ב') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זעהט אין די פאריגע פרשה, אז אברהם אבינו איז געווען דער גרויסער בעל מכניס אורח, ואל הבקר רץ אברהם, כחום היום, און ער האט אריינגענומען עובדי עבודה זרה, ערביים וואס זענען משתחוה לעפר רגליהם, און ער האט זיי געגעבן צו עסן. שפעטער ביי סדום, וואס אנשי סדום רעים וחטאים לה' מאד (יג-יג), האט ער זיך אויך אנגענומען, אז דער באשעפער זאל נישט איבערדרייען סדום, אפשר וועלן זיי גוט ווערן. און ביי זיין אייגענם קינד ישמעאל, ווען יצחק איז געבוירן געווארן, האט שרה געזאגט, גרש את האמה הזאת ואת בנה, מען זאל פארטרייבן ישמעאל צוזאמען מיט די מוטער, כי לא יירש עם בני עם יצחק, וירע הדבר מאד בעיני אברהם, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה (כא-יב). און ער האט אזוי געטון, ער האט איר געגעבן לחם וחמת מים, און ער האט איר אוועקגעשיקט. דא זעהט מען אז ער האט מקרב געווען פרעמדע, אפלו עובדי עבודה זרה, און דא האט אים דער אייבערשטער געהייסען, אז ישמעאל וואס איז א מצחק, שיק אים אוועק פון שטוב.

**איך** האב געזען פונעם **וויזניצער רבי'**, דער **אמרי חיים**, אז ער האט נאכגעזאגט פון זיין פאטער דער **אהבת ישראל**, אז ער פלעגט צו זאגן, **אז א יוד דארף זיין גוט 'צו' יעדן, אבער נישט 'מיט' יעדן**. א יוד דארף זיין גוט צו יעדן, מען דארף

טון חסד, אין בודקין למזונות (בבא בתרא ט.), מען קוקט נישט ווער ער איז, א יוד דארף א טובה, דארף מען אים ארויסהעלפן. מען דארף זיין גוט צו יעדן איינעם. אבער מען דארף נישט וואוינען מיט יעדן איינעם צוזאמען. חברותא, זיך חבר'ן, און זיין גוט מיט יעדן, דארף מען נישט. מען דארף וויסען די גבולים, א יוד דארף זיך מחבר זיין צו ערליכע יודען, אבער נישט מיט אנדערע.

**און** דער **אמרי חיים** האט צוגעגעבן, אז אברהם אבינו האט געזען די אורחים, האט ער זיי געזאגט, ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו (יח-ד). וואס איז דער אחר תעבורו, נאכדעם גייטס אוועק, אזוי זאגט מען פאר א גאסט, אחר תעבורו? נאר אברהם אבינו האט חייש געווען אז זיי זענען עובדי עבודה זרה, האט ער זיי געזאגט, איך געב ענק צו עסן מיט אלעמען, אבער נישט צו בלייבן ביי מיר אין שטוב. אחר תעבורו, ווען מען וועט ענדיגען צו עסן, גייטס ענק געזונטערהייט אוועק, מען חבר'ט זיך נישט מיט יעדן איינעם אריינצונעמען אין שטוב.

**מען** זעהט אז לוט האט אויך מקרב געווען די מלאכים וואס זענען געקומען, אבער לוט האט געזאגט, סורו נא אל בית עבדכם (יט-ב), קומטס אריין צו מיר אין שטוב. אבער אברהם האט געזאגט והשענו תחת העץ (יח-ד). אברהם אבינו האט אכט געגעבן, מען לאזט נישט אריין אין שטוב יעדן איינעם. נאר די ערליכע לאזט מען אריין צו זיך אין שטוב, מען חבר'ט זיך נישט מיט יעדן איינעם. אברהם האט נישט געוואוסט פונקטליך ווער די אורחים זענען, האט ער זיי געזאגט, איך געב ענק צו עסן, אבער והשענו תחת העץ, נישט ביי מיר אין שטוב, איך וועל ענק געבן אינדרויסן אונטערן בוים, אחר תעבורו, נאכדעם גייטס ענק געזונטערהייט. אבער ביי לוט איז נישט געווען קיין גרויסער עסק ווען ער נעמט אריין צו זיך אין שטוב, האט ער געהייסען סורו נא אל בית עבדכם, אז מען קען אריינקומען צו אים אין הויז.

**ביי** אברהם געפונט מען, ויטע אשל בבאר שבע (כא-לג), די וועלט טייטשט, אז אש"ל איז די ראשי תיבות א'כילה ש'תיה ל'ינה. ער האט געגעבן צו עסן און צו טרינקען און צו נעכטיגען. אין די גמרא (סוטה י.) שטייט אנדערש, אז די ראשי תיבות איז, א'כילה ש'תיה ל'ויה, נאכדעם וואס ער האט זיי געגעבן צו עסן האט ער זיי באגלייט. עס איז דא צוויי ערליי אש"ל'ס. ביי א ערליכע יוד דארף זיין אש"ל א'כילה ש'תיה ל'ינה, ברענג אים אריין צו דיר אין שטוב, ער זאל וואוינען מיט דיר צוזאמען. אבער ווען מען קען נישט זיין גוט מיט יעדן איינעם, איז טאקע דא א'כילה און ש'תיה, אבער נאכדעם איז ל'ויה, נאכדעם באגלייט אים, אחר תעבורו. בלייב נישט ביי מיר אין שטוב, איך האב דיר געגעבן צו עסן און וואס דו דארפסט, אבער גיי ווייטער.

**ווען** מען האט א יצחק, און מען דארף מחנך זיין יצחק, און ישמעאל דרייט זיך אין שטוב, האט דער אייבערשטער געזאגט, כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, דו קענסט מקרב זיין יעדן, דו קענסט געבן צו עסן פאר יעדן איינעם, דו קענסט מתפלל זיין פאר יעדן, ווען יענער איז ביי זיך. אבער יצחק צוזאמען מיט ישמעאל, גייט נישט אינאיינעם.

**די** וועלט זאגט, אז אברהם האט אוועקגעשיקט ישמעאל, האט ער אויפגעצויגען א קינד יצחק. א קדוש אלקי, פחד יצחק. יצחק האט אויך געהאט צוויי קינדער, יעקב מיט עשו, איינס א ערליך קינד און איינס א רשע, און ער האט נישט אוועקגעשיקט עשו, עשו איז געבליבן אין שטוב. און אז עשו איז געבליבן אין שטוב, האט יעקב נישט געקענט בלייבן אין שטוב. יעקב איז געווען א איש תם יושב אהלים, א גאנצע טאג איז ער געזעסן אין בית המדרש, ביז עס איז געקומען א צייט, וואס ער האט געדארפט הייבן פוס פונעם טאטנס שטוב, און אוועקגיין ערגעץ אנדערש.ביידע צוזאמען גייט נישט. טאמער מען איז מקרב עשו, קען יעקב נישט בלייבן אין שטוב. און אז מען איז מקרב יצחק, און מען שיקט אוועק ישמעאל, בלייבט דעמאלטס יצחק אין שטוב. מען דארף וויסן אז מען דארף זיין גוט צו יעדן, אבער נישט מיט יעדן.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **גדליה געלב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זאב פאלאטשעק** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי ומסר שיעור כללי לתלמידי הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו הק'. **רבינו שליט"א** התחיל בדברי הלכה בסוגיא ד'ריבוי בשיעורין', והרחיב דבריו בשיטות הראשונים והאחרונים בכללי דין זה. אחר כך המשיך בדברי הדרכה וחיזוק.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות כח:), אז ווען מען קומט אריין אין בית המדרש דארף מען געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען. מודה אני לפניך, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז מען האט די זכיה, אז מען זיצט אין בית המדרש, באהלה של תורה, און מען לערנט. ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות, מען זיצט נישט אינדרויסן ווי די ליידיג גייערס, וואס דאס לעבן גייט אדורך מיט גארנישט, נאר מען זיצט און מען לערנט, און מען דינט דעם אייבערשטען. ובפרט בחורים וואס געפונען זיך אויף אזא חשוב'ן מקום, מקצת שבחו בפניו פונעם ראש ישיבה און די מגידי שיעורים, וואס לייגען אריין אזויפיל כוחות אין די בחורים, אז זיי זאלן קענען שטייגען, און ב"ה מען זעהט אזעלכע שיינע פירות, דארף מען אוודאי אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען.

**מען** האט אנגעהויבן דעם זמן, נישט מען האט אנגעהויבן, אז מען רעכנט פון אלול, האלט מען שוין טיף אינמיטן פונעם זמן. עס שטייט די וואך אין מדרש (ב"ר נח-ג), א מדרש פליאה, אז רבי עקיבא היה יושב ודורש, ער האט גע'דרשנ'ט, והציבור מתנמנם, ער האט געזעהן ווי אזוי מען דרימלט, מען הערט נישט אויס די דרשה, בקש לעוררם, האט ער זיי געוואלט אויפוועקן. ווי אזוי וועקט מען אויף ווען מען שלאפט איין אינמיטן א דרשה? אז מען וועט זאגן עפעס א אינטערסאנטע זאך, וועט זיך יעדער אויפכאפן. האט ער געזאגט, מה ראתה אסתר שתמלוך על קכ"ז מדינות, וואס זאל זיך קומען פאר אסתר אז זי איז געווארן א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות, אחשורוש איז דאך געווען א מלך אויף שבע ועשרים ומאה מדינה (אסתר א-א), תבוא בת בתו של שרה, וואס שרה האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און זי זאל זיין א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות. עס איז זייער א שיינער צו שטעל, אז שרה האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און אסתר באקומט הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות, אבער וועגן דעם וועקט מען זיך נאך נישט אזוי שנעל אויף. און אז מען האט זיך אויפגעוועקט, קען מען שפעטער צוריק איינשלאפן. וואס איז געלעגן אין דעם צושטעל, וואס ער האט זיי מיט דעם מעורר געווען.

**עס** איז דא זייער א שיין ווארט פון **חידושי הרי"ם**, א איד דארף זיך אייביג אראפלערנען פון עניני גשמיים אויף עניני רוחניים. אין עניני גשמיים זעהט מען, אז ווען א מענטש האט א חשק צו עפעס, איז אים גארנישט שווער. ער וועט טון, און ער וועט נאכגיין, אז ער זאל עס קענען האבן, אפילו מען דארף ווייניג שלאפן און ווייניג עסן. ווען א מענטש וויל פארדינען געלט, וועט ער נישט זאגן, איך וויל יעצט שלאפן, און איך קען נישט גיין אין געשעפט אריין. ווי מיד ער זאל זיין, און ווי הונגעריג ער זאל זיין, וועט ער גיין, און ער וועט עפענען זיין געשעפט, איך וויל צו עפעס צוקומען. עס איז אים חשוב'ער צו פארדינען געלט, ווי ער זאל עסן און שלאפן. ביי עניני רוחניים דארף אויך אזוי זיין ביי א איד. ווען א מענטש פארשטייט נישט די חשיבות פון תורה און עבודת ה', האב איך געקענט נאך א

בלאט, האב איך געקענט נאך א סוגיא, נאך א מסכת, און עס איז נישט געפערליך אז מען קען נישט, שטרענגט ער זיך נישט אן, ווייל עס איז הכל ריוח. ער פארשטייט אז עס איז א מעלה אז ער קען, אבער עס איז נאר א מעלה, און די מעלה האט א פרייז וויפיל ער איז גרייט צו צאלן דערפאר. ווען א מענטש ווייסט אבער דעם געוואלדיגען שכר, און די געוואלדיגע עליה, וואס א יוד האט מיט יעדע זאך וואס ער טוט פארן אייבערשטן. דעם גרויסן שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט, וואס מיר האבן נישט קיין השגה די שכר פון מצוות, יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי העולם הזה (אבות ד-יז). ווען מען זאל לייגן אויף א וואגשאל גאנץ חיי עולם הזה, אלע תאוות און תענוגים פון די וועלט, און מען זאל לייגן אויף די אנדערע זייט איין שעה קורת רוח פון עולם הבא, וועגט עס איבער.

**דער** אייבערשטער באצאלט פאר יעדע קליינקייט וואס א איד טוט, דער אייבערשטער איז נישט מקפח שכר כל בריה. **ווען מען זאל וויסן, אז פאר יעדע מינוט וואס ער לערנט, באקומט ער צען טויזנט דאלער, וואלט קיינער נישט מבטל געווען פון לערנען! עס איז דאך א ים מיט געלט, ווי אזוי קען איך גיין שמועסן מיט מיין חבר, ווען איך קען אין די צייט פארלירן געלט.** ער איז דאך א טיפש, אויב ער טוט עס. מען זעהט אבער נישט די צען טויזנט דאלער תיכף אויפן טיש, וועגן דעם לאזט מען נאך. אבער ווען א איד גלייבט באמת אין דעם געוואלדיגן שכר וואס איז דא, שלאפט ער נישט, און ער ברענגט נישט אן קיין צייט, ער זוכט אויסצונוצן יעדע מינוט וואס ער האט, פאר תורה און עבודה.

**שרה** האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און פאר יעדע יאר וואס זי האט געלעבט און געדינט דעם אייבערשטן, האט דער אייבערשטער באצאלט שכר, אז איר אייניקל האט באקומען א גאנצע מדינה צו זיין דערויף א מלכה. שרה האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, האט אסתר באקומען הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות. מ'יר זאלן זיך פארשטעלן, אז פאר איין יאר באקומט מען א גאנצע מדינה, און א מדינה ווי דא אין אמעריקא. דאס איז טייטש, אז פאר יעדן טאג וואס מען האט געדינט דעם אייבערשטן, האט מען באקומען א גאנצע סטעי"ט דערפאר. און פאר א שעה, האט מען באקומען א גאנצע געגענט. גאנץ מאנסי האט מען באקומען פאר איין שעה. פאר א מינוט, האט מען באקומען פינף גאסן. זעהט מען די געוואלדיגע שכר וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, אז פאר איין שעה, פאר איין מינוט, וואס זי האט געדינט דעם אייבערשטן, האט מען באקומען א פאר הייזער דערויף. און פאר א גאנץ יאר, האט מען באקומען א גאנצע מדינה. ווען א מענטש גלייבט אין דעם, ווי גרויס עס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדע זאך וואס ער טוט, וועט ער נישט מבטל זיין קיין מינוט פון זיין צייט, איך וועל נישט אוועקגעבן צייט פאר גארנישט. וואס וועל איך האבן פון די צייט וואס איך האב אוועקגעגעבן, ווען דא קען איך לערנען און דינען דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט מיר דערפאר באצאלן אזא געוואלדיגן שכר. ווען א מענטש זאל זעהן מיט די אויגן, ווי פאר יעדע מינוט לערנען באקומט ער א הויז, וואלט ער נישט מבטל געווען פון לימוד התורה.

**רבי** עקיבא האט געזעהן אז עס ברענט נישט די תורה, מען קען איינשלאפן אינדערמיט, מען איז רוהיג. אז מען איז אויף, לערנט מען, און אז מען איז מיד, לייגט מען זיך אראפ. ער האט געזעהן אז והעם מתנמנם, אז דער עולם דרימלט, זיי זענען נישט מחשיב וואס עס מיינט צו לערנען נאך א מינוט, וואס עס מיינט צו לערנען נאך א שעה תורה, ביקש לעוררם האט ער זיי געוואלט מעורר זיין. וויאזוי קען ער זיי מעורר זיין, אז זיי זאלן פארשטיין די חשיבות פון תורה. האט ער געזאגט, קוקטס, אז ווייל שרה האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, האט איר אייניקל באקומען פאר יעדעס יאר א גאנצע מדינה, הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות. נו וויפיל האט מען באקומען דעמאלטס פאר א

טאג, און וויפיל האט מען באקומען פאר א שעה, און וויפיל האט מען באקומען פאר א מינוט, פאר יעדע מינוט איז אויסגעקומען א פאר הייזער וואס זי האט באקומען שכר. ווען מען וועט דאס געדענקען, ווי גרויס עס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט פאר לומדי תורה, וואלט מען נישט אנגעברענגט קיין צייט. מיט דעם האט ער זיי מעורר געווען, ער האט זיי געוואלט מסביר זיין די חשיבות פון די צייט וואס מען לערנט תורה, ווי חשוב דאס איז.

**און** עס איז באמת אזוי, כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה, ווען א מענטש ווייסט אז תורה דאס איז זיין חיות, דאס איז זיין אורך ימינו, ובהם נהגה יומם ולילה, וואלט מען געלערנט טאג און נאכט. שלמה המלך זאגט (משלי לא-יח) טעמה כי טוב סחרה, לא יכבה בלילה נרה. שטייט אין די מפורשים, ווילאנג א מענטש איז נישט טועם ווי גוט די תורה איז, איז מען מיד, און מען האט נישט קיין כח צו לערנען. אבער טעמה כי טוב סחרה, ווען א מענטש הייבט אן טועם צו זיין תורה, ער קומט אריין אין דעם טעם פונעם לערנען, ווי שיין עס איז א קשיא פון תוספות, און א תירוץ פון תוספות. און אז מען לערנט א סוגיא, און מען פארשטייט קלאר אלע חילוקים וואס איז דא אין די סוגיא, דעם קצות מיטן רבי עקיבא איגר מיט נתיבות וואס איז דא אין די סוגיא. ווען מען הייבט אן טועם זיין כי טוב סחרה, ווי גוט די תורה איז, לא יכבה בלילה נרה, לעשט מען נישט אזוי שנעל אויס דעם לעקטער ביינאכט, נאר מען זיצט און מען לערנט. ווען מען שפירט נישט דעם טעם פון תורה דאס איז די שווועריקייט אז מען זאל זיך אוועקגעבן פאר תורה.

*

**אין** אנהייב שפירט מען טאקע נישט אזוי ווייט דעם טעם פון תורה. עס איז שווער צו לערנען, עס קומט נישט אן גרינג. תורה ווערט נאר נקנה מיט גרויס דחקות, א מענטש דארף זיך פלאגן אויף תורה, צוצוקומען צו פארשטיין די טיפקייט פון תורה. אבער יעדער איינער מיט די צייט, הייבט ער אן טועם צו זיין א טעם פונעם לערנען. און אז מען לערנט אדורך א תוספות, און מען שפירט די חשיבות פונעם לימוד, און ער הייבט אן טועם צו זיין ווי שיין תוספות האט אפגעלערנט די סוגיא, און ווי אזוי די מפרשים ברענגען ארויס די סוגיא, יעדעס מאל ווען ער קומט צו דעם, גיט עס אים נאך א שטופ ער זאל קענען נאך מער און נאך מער זיך אריינלייגן אין תורה. ווען א מענטש איז טועם, כי טוב סחרה, ווי גוט די תורה איז, דעמאלטס לעשט ער נישט אויס דעם נר אפילו ביינאכט, נאר ער זיצט און ער לערנט תורה.

**דאס** איז די **צייט וואס מען איז אין ישיבה און מען לערנט, מען דארף מחשיב זיין יעדע קלייניגקייט. אפילו ער קען נישט די גאנצע סוגיא, ער קען נאר א האלבע סוגיא, יעדן תוספות אז ער האט דאס פארשטאנען, זאל ער שפירן א געוואלדיגע שמחה. איך בין אנגעקומען, איך פארשטיי זייער גוט דעם תוספות, און די אנדערע וואך וועל איך פארשטיין דעם צווייטן תוספות אויך, און די דריטע וואך נאך מער. מען זאל נישט ווערן צובראכן אז עס גייט אסאך מאל שווער, און מען פארשטייט נישט אזוי שנעל וואס מען האט געלערנט, עס איז זייער א שווערע סוגיא וואס מען לערנט יעצט שנים אוחזין, עס איז גארנישט אזוי גרינג צו קענען די אלע תוספות, און אלעס וואס איז דא דערין, מען דארף זיך אבער פרייען מיט יעדן ביסל, און דער שכר פון יעדן עמל של תורה איז זייער גרויס.** דער אייבערשטער באצאלט, ווי פריער גערעדט, גאנצע שטעט קען מען באקומען פאר עמל התורה.

**מען** זעהט ביי אברהם אבינו, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך לך מארצך וממולדתך ואעשך לגוי גדול (יב-א). עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' עבודה זרה א-ג), אז אברהם אבינו איז געווען דער ראש המאמינים, און ער האט אויסגעלערנט דעם גאנצן דור אמונה אינעם אייבערשטן. ביז אברהם איז געקומען, זענען אלע געווען עובדי עבודה זרה. דער לשון פון רמב"ם איז, אז ער האט טויזנטער און צענדליגער טויזנטער מענטשן צוגעברענגט צו אמונת ה'. געווענליך לערנט מען, אז דער

פשט דערפון איז, אז ער האט געהאלטן דרשות איבעראל, און ער האט איבערגעצייגט די אמונה פונעם אייבערשטן. עס איז אבער דא נאך א וועג ווי אזוי מען לערנט אויס יענעם, דאס איז ווען א איד פירט זיך אויף ערליך און איידל.

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא פו.), ווען א מענטש לערנט תורה, און עס איז משאו ומתנו באמונה, ער האנדלט ערליך, ודיבורו בנחת עם הבריות, ווען ער רעדט, שרייט ער נישט, ער רעדט געלאסן, ער רעדט ארענטליך, ער רעדט שיין, עס איז אויסגערעכנט די ווערטער וואס ער רעדט, איז ער מקדש שם שמים. ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה) דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטן, אהבהו על הבריות, טו באליבן דעם אייבערשטנס נאמען אויף מענטשן, מה הבריות אומרים עליו, וואס זאגן מענטשן ווען זיי זעהן אזא איינעם א בן תורה, מען זאגט אשרי אביו שלמדו תורה, וואויל איז דעם טאטען וואס האט מגדל געווען אזא קינד, אשרי רבו שלמדו תורה, וואויל איז זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה. מען געפינט דעם לשון אין חז"ל (תנא דבי אליהו זוטא כג), אז ווען מען האט געזעהן חכמי ישראל, האט מען געזאגט, אשריהן אלקיהם של אלו, געבענטשט איז זייער גאט וואס האט אהערגעשטעלט אזעלכע מאמינים וואס זיי פירן זיך אויף אזוי שיין. און ח"ו פארקערט, ווען א מענטש פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, ער זיצט און ער לערנט, אבער זיין הנהגה איז נישט ווי עס פאסט זיך פאר א בן תורה, זאגט מען פארקערט, א שאד פאר זיין טאטען, א שאד פאר זיין רבי'ן וואס האט מיט אים געלערנט תורה. ווען מיר זאגן יעדן טאג ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, טייטשן חז"ל אז עס איז נישט גענוג אז דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטן. נאר פיר דיך אזוי אויף, אז עס זאל באליבט ווערן דעם אייבערשטנס נאמען. און אויף דעם זאגט די תורה, דו דארפסט עס טון בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך. אויף אהבהו על הבריות איז אויך דא די ציווי, אז א מענטש איז מחויב אוועקצוגעבן נפשו ומאודו פאר אהבת ה'.

**אברהם** אבינו וואס ער איז געווען דער געוואלדיגער בעל חסד, ווען מען האט צוגעקוקט דאס גוטסקייט פון אברהם אבינו ווי אזוי ער פירט זיך, זיין ערליכקייט, דאס אליין האט ארויסגערופן די גרויסקייט פון זיין גאט. אז דער באשעפער וואס פירט די וועלט, האט אזא אברהם אבינו אויף די וועלט, וואס איז אזוי דבוק אינעם אייבערשטן. קוקטס ווי אזוי עס זעהט אויס איינער וואס דינט דעם אייבערשטן, און קוקטס ווי אזוי עס קוקען אויס עובדי עבודה זרה. מיט דעם אליין האט ער צוגעבערענגט דערצו, אז מען זאל זיך פירן ערליך.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, 'לך לך', דו דארפסט גארנישט טון, נאר גיי 'מארצך וממולדתך אל הארץ אשר אראך', און וואו דו וועסט אדורכגיין 'ואעשך לגוי גדול'. וואו דו וועסט גיין, וועלן צוקומען מענטשן. מען וועט זעהן אזא פראכט ווי אזוי אברהם אבינו דינט דעם אייבערשטן, וועט עס צוציען אנדערע אויך צו דינען דעם באשעפער. און דאס איז די געוואלדיגע חשיבות וואס א מענטש לעבט נישט פאר זיך, ער לעבט פאר אנדערע אויך, אריינצוברענגען אהבת ה' און יראת ה' אין אנדערע.

**וואס** איז דאס נוגע פאר אונז, מיר זיצן דאך אין ישיבה וואו מען לערנט, וואס איז דאס נוגע פאר אונז, אז מיר קענען אויפטון פאר אנדערע. מיר זענען נישט אין קירוב רחוקים, און נישט אין קירוב קרובים. וואס טוען מיר אונז יא. אהבהו על הבריות, ליב מאכן דעם אייבערשטן'ס נאמען פאר מענטשן. מען רעדט נישט פון דעם, אז ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס ווען עס ענדיגט זיך די ישיבה, און מען פירט זיך אויף ערליך, איז דאס אין כלל פון ואהבת את ה' אלקיך, אז מען פירט זיך אויף איידל. עס איז אבער נוגע פאר יעדן איינעם אינעם ישיבה אליין, יעדער קען זיין א געוואלדיגער מזכה את הרבים.

**ווען א בחור קומט אריין באצייטנס אין ישיבה, ווען עס הייבט זיך אן דער סדר זעצט ער זיך לערנען, איז ער א מזכה את הרבים, אז אנדערע**

**זאלן אים נאכטון, און מען זאל זיך אויף זעצן לערנען. ווען עס קומט צום דאווענען, קומט ער אריין באצייטנס צום דאווענען, און ער שטייט אויף איין פלאץ, און ער דאווענט הויך, און ער דאווענט מיט א כוונה מיט א חיות, ברענגט ער צו, אז די גאנצע תפילה אין בית המדרש ווערט דערהויבן. ווען איינער טוט אזוי, טוט דער צווייטער אזוי, און דער דריטער טוט אויך אזוי.**

**ווען עס קומט צום עסן, ווען מען זעצט זיך אראפ עסן, ער שרייט נישט, און ער כאפט נישט, ער פירט זיך אויף איידל, ברענגט ער אריין אן איידלקייט אין דעם גאנצן ציבור, ווי אזוי מען זאל זיך פירן בשעת מען עסט. דאס איז ווען איינער טוט עס, און כל שכן ווען עס איז דא א גאנצע חבורה וואס טוט עס, צען צוואנציג בחורים טוען עס, שעמט זיך שוין יענער אפילו צו טון אנדערש, ווייל ער וויל דאך אויך האבן א גוטן נאמען.** יעדער פון אונז קען זיין א געוואלדיגער מזכה את הרבים, וויסן אז וואס מען טוט, טוט ער נישט פאר זיך, נאר ער טוט עס פארן גאנצן ציבור. פארקערט אויך, ווען ער קומט נישט אריין באצייטנס, און ער דרייט זיך ארום, און זיין דאווענען איז אזוי נאכגעלאזט, נישט נאר 'ער' האט נישט געדאווענט, נאר ער ברענגט אראפ דעם גאנצע דאווענען פונעם בית המדרש. עס איז נישט אז ער איז מזכה את הרבים, נאר עס איז די פארקערטע, ער ברענגט אז אנדערע זאלן אויך נישט האבן די מוט צו טון.

**דער** חלק פון מזכה את הרבים איז שייך ביי אונז אלע. מיר אלע דארפן זיך אזוי צו פירן, ואהבת את ה' אלקיך, אהבהו על הבריות, אריינצוברענגען אהבת ה' און ערליכקייט אין אנדערע, מיט זיין אייגענע הנהגה. מען דארף נישט רעדן, אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, **ווען א בחור פירט זיך אויף איידל און ערליך, א בחור וואס קען יעדע וואך ביים פארהערן, ברענגט ער ארויף די כתה. מיין חבר קען, איך וויל אויך קענען, איך וויל אויך באקומען די זעלבע מאר"ק וואס דער חבר האט. א מענטש קען זיין א מזכה את הרבים אן דעם וואס ער טוט עפעס, נאר זיין אייגענע הנהגה ווי אזוי ער פירט זיך.** אז ער פירט זיך אויף ערליך, איז ער מיט דעם מזכה את הרבים.

**עס** שטייט אין ספרים, אז די תורה ווערט אנגערופן נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). אור האט צוויי טייטשן, ליכטיגקייט מיט טינקלקייט (פסחים ב.). אור לארבעה עשר מיינט ביינאכט, און אור מיינט אויך ליכטיגקייט. תורה איז דאך נאר ליכטיג, פארוואס רופט מען אן תורה 'אור', אור איז דאך טייטש ליכטיג מיט טונקל? נאר תורה האט ביידע. אזוי שטייט אין די גמרא (יומא עב:), וזאת התורה אשר שם משה (דברים ד-מד), 'זכה', ווען א מענטש איז זוכה, 'נעשית לו סם חיים', 'לא זכה' אז מען איז נישט זוכה, 'נעשית לו סם מיתה'. א בן תורה ווען ער פירט זיך אויף ערליך און שיין, איז עס א ליכטיגקייט, ער איז מקדש שם שמים. אבער א בן תורה וואס זיין הנהגה איז נישט צוגעפאסט ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן, איז א שאד וואס ער האט געלערנט, נעשית לו סם המות. תורה אור, תורה איז צוגעגליכן צו אור, אמאל איז עס ליכטיג, און אמאל איז עס טינקל. ווען מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איז עס ליכטיג, און אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, איז עס פינסטער.

**מען** האט פריער גערעדט, אז תורה איז ביי יעדן איינעם שווער אין אנהייב, ווי מער עלטער מען ווערט, ווי מער מען קען, מען קען נאך א מסכת און נאך א מסכת, הייבט מען אן אריינצוקומען אין טעם פון די תורה, און מען שפירט די ליכטיגקייט וואס איז דא אין תורה. אין אנהייב בשעת מען לערנט די תורה, איז עס 'לילה', עס איז פינסטער, מען דארף זיך אסאך אסאך פלאגן ביז מען פארשטייט, און מען קומט צו, צו די אורה של תורה. אבער שפעטער ווען מען איז צוגעקומען דערצו, דעמאלטס ווערט די תורה ליכטיג. תורה אור, תורה האט אין זיך ביידע. הייבן הייבט זיך עס אן ווען עס איז טונקל, עס איז שווער דאס לערנען, עס קומט מיט א גרויס דחק אז מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט, אבער שפעטער איז 'תורה אור', מען איז גליקליך אז מען האט געלערנט. די שענסטע

יארן וואס א בחור האט, זענען די יארן וואס מען איז אין די ישיבה, מען וועט זיך אמאל צוריק בענקן אויף די צייט. יעדן טאג וואס מען האט נישט אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין, איז א פסידא דלא הדרה.

**ב"ה** איך הער אז די בחורים לערנען פלייסיג, מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איך האב עס נישט געזאגט אלץ מוסר, איך האב עס נאר געזאגט אלץ חיזוק, אז מען זאל וויסן די חשיבות דערפון ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און מען זאל ווייטער אנגיין אין דעם וועג. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מצליח זיין, און אויסוואקסן תלמידי חכמים און יראי ה', און דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, מען זאל אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יהושע נחמן** (בן הר"ר בן ציון שלום הי"ו) **שפיץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ספינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **דוד זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי פאדריגאל** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת תנאים של בת הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים ברוין** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם בראדי** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן ש"ב **הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א** (חתן אחיו הגה"צ אב"ד תולדות אהרן ומסב"ג שליט"א), עב"ג בת ש"ב **הרה"ג רבי חנני' מאיר פאללאק שליט"א** (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת מחותנו **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** רב דקהל שומרי שבת, עב"ג בן **הרה"ג רבי משה דוד הורוויץ שליט"א** רב דביהמ"ד ברך משה ב"פ, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א**, ורקד מצוה טאנץ לפני הכלה.

*

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **נתנאל הארטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פארק מענאר.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי אנשיל לאקס** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יונה מאיר בלומענפרוכט** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב הרב **דוד דייטש** שליט"א (לאנדאן), שהתקיים באולם בעלזא.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, עב"ג הר"ר **בנימין שפיגעל** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שישי פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מרדכי אנשיל לאקס** הי"ו, ולבן הר"ר **שלמה זיידענפעלד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

**רבינו שליט"א** שבת על שבת קודש בבארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע רבינו שליט"א דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע, והגאון רבי עזריאל הורוויץ** זצ"ל מלובלין הנקרא **'דער אייזערנע קאפ'**. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **משה פישער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש נייטרא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לכבוד השמחה.

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה, ודברי הדרכה ומוסר בעניני שידוכים. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש. אחר כך בירך **רבינו שליט"א** הברכות הראשונות לכבוד השבע ברכות של בת הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, וכיבד את **הרה"ג רבי צבי האלפרין שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בב"פ בברכה אחריתא.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **נטע לאנדא** שליט"א (בעמח"ס נר יהושע), שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **חיים אייזיק לאנדא** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך זעה אז איר זענט פארנומען מיט גוטע זאכן, עס איז זייער שיין די ספרים.

**הר"ר נטע:** יא ב"ה. דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן אז מען זאל קענען געזונטערהייט. איך ברענג אמאל פונעם רב אויך שטיקלעך, דעם רב'ס ספרים זענען דאך מלאים אין די גאנצע וועלט, וואס ב"ה יודען ווארעמען זיך מיט דעם.

איך האב יעצט געזען ברענגען אז דער **קול אריה** איז געפארן אסאך קיין צאנז, און ער ברענגט דארט אסאך אינטערעסאנטע מופתים וואס דער **קול אריה** האט געהאט אין צאנז.

**רבינו:** זעקס און צוואנציג יאר איז ער געווען שבועות אין צאנז. א רב האט אמאל נישט געקענט אוועקפארן נישט פסח און נישט סוכות און די הייליגע טעג, אבער שבועות איז געווען א יום טוב וואס מען האט זיך געקענט אוועקכאפן פון די שטאט.

**הר"ר נטע:** איך האב געזען אין **אלף כתב** (אות עז) ברענגט ער אויך צו א מורא'דיגע מעשה, אז דער **צאנזער רב** האט אמאל געדארפט געלט, האט ער געשיקט צום **קול אריה** א טעלעגראם,

און דער **קול אריה** האט גלייך געשיקט א סכום געלט, און דער **צאנזער רב** האט אים צוריקגעשריבן אז עס וועט זיין פאר אים א מליץ ווען ער וועט עס דארפן, בעת צרה. נאך א שטיק צייט האט דער **קול אריה** געהאט א שווערע אפעראציע, און די אפעראציע איז געלונגן, אבער אפאר טאג שפעטער האט זיך געמאכט א גרויסע קאמפליקאציע, און עס האט אנגעהויבן צו בלוטן, און פלוצלונג איז אנגעקומען א גרויסער דאקטער, אינמיטן די נאכט, און ער האט געפרעגט וואו דער **קול אריה** איז, האט מען אים געפרעגט וואס עס איז, האט ער געזאגט, אז אינמיטן די נאכט האט אים איינער אויפגעוועקט אז ער זאל שוין גיין ראטעווען דעם פאציענט. און ער האט נישט געוואלט גיין אינמיטן די נאכט, ביז יענער האט אים ארויסגעשטופט. און נאכדעם האט ער אויסגעמשל'ט, אז עס איז געווען דער **צאנזער רב** וואס האט אים געוועקט, און ער איז געקומען און ער האט געראטעוועט. דער **צאנזער רב** האט מקיים געווען הבטחתו.

**רבינו:** אין **תולדות קול אריה** שטייט, אז ער איז געווען קודם רב אין בערעגסאז, און נאכדעם איז ער געווען רב אין מאד, און אין בערעגסאז האט ער געהאט צוטון מיט קהל, אז זיי האבן גענומען א חזן צו דאווענען, און ער איז נישט געווען מרוצה אז דער חזן זאל דאווענען, און זיי האבן זיך אויסגעלאכט. האט זיך דער **קול אריה** אויפגעשטעלט דרש'נען, און בתוך הדברים האט ער זיך אזוי צופייערט, אז מען האט גענומען אזא חזן, און ער האט געעפענט דעם ארון הקודש, און ער האט געזאגט, איך שווער אז ער וועט נישט דאווענען דא די הייליגע טעג. און צום סוף איז טאקע אזוי געווען, אז עס איז אנגעקומען א פרוי, און זי האט געזאגט אז דער מאן האט איר איבערגעלאזט, און דער חזן איז געווען דער מאן, און למעשה האט ער נישט גדאווענט. און דער **ייטב לב** האט אים געפרעגט נאכדעם, פון וואו ער האט זיך געטרויעט צו טון אזא זאך צו שווערן. האט ער געזאגט צוויי טעמים. איינס, איר מיינט אז נאר א רבי קען מאכן א מופת, ווען איינער פלאגט זיך צו פארענטפערן תוספות קשיא, דער קען אויך ווייזן א מופת. נאכדעם האט ער געזאגט, אז דער **צאנזער רב** האט אים אמאל צוגעזאגט אז ווען ער וועט זיין אין א צרה וועט ער אים העלפן, און איך האב עס נאכנישט אויסגענוצט, האב איך זיך יעצט פארלאזט אויף דעם זכות, אז דער **צאנזער רב** וועט מיר העלפן.

**הר"ר נטע:** דער רב האט געזאגט, וועגן זיך פלאגן צו פארענטפערן א תוספות. עס איז דא א יוד רבי ישראל מאשקאוויטש, ער האט געשריבן א שטיק צייט ביים **מעשי למלך**, און ביים **מהרש"ג**, האט ער מיר דערציילט א מורא'דיגע זאך, אז אין דער שטאט פון דעם מהרש"ג, איז געווען א בחור וואס האט אנגעהויבן צו שטודירן, און דער **מהרש"ג** האט געשיקט צו אים אז ער זאל אויפהערן צו שטודירן. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט געמאכט די פירצה אין שטאט, און יענער האט נישט געפאלגט. פלוצלינג איז יענער רח"ל קראנק געווארן, און מען איז געקומען צו לויפן איבערבעטן, אבער דער **מהרש"ג** האט נישט געוואלט. און יעדער האט געמאכט א טומל, דער רבי מאכט מופתים. האט דער **מהרש"ג** געזאגט, וואס מיינט איר, אז איך בין אויף א פאר נעכט מתיר צו זיין א עגונה איז גארנישט?! וואס האט עס מיט א מופת צו טון. מען דארף נישט זיין צו דעם א רבי. אז ער האט געלערנט תורה לשמה, האט ער א כח.

**רבינו:** הלומד תורה לשמה, זוכה לדברים הרבה (אבות ו-א).

# **פרשת תולדות כ"ג – כ"ט חשון תשע"ח לפ"ק**

***יום ראשון פרשת תולדות***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ה') בבית מדרשנו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל דינער השנתי של כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל תנאים של בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק דוד לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם קהל חסידים.

*

***יום רביעי פרשת תולדות***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה הק' די לידה פון יעקב מיט עשו, און דער פסוק זאגט, אז עשו איז געווען אדמוני, כולו כאדרת שער (כה-כה). ער איז ארויסגעקומען רויט, און ער איז געווען אנגעפילט מיט האר. מילא אז די תורה דערציילט אז ער איז געווען כאדרת שער, איז וויכטיג צו וויסן, ווייל שפעטער איז דא די גאנצע פרשה ווי אזוי יעקב האט איבערגענומען די ברכות, אז ער האט זיך געדארפט ארומנעמען מיט האר, כדי מען זאל אים נישט דערקענען, מוז די תורה פארציילן אז ער איז געבוירן געווארן פיל מיט האר. אבער דאס אז ער איז געווען רויט, איז דאך נישט קיין נפקא מינה אז די תורה זאל עס פארציילן, און מדגיש זיין ווי אזוי עשו איז געווען. - און מען זעהט אז ער איז געבליבן מיט דעם נאמען שטענדיג, עשו אבי אדום (לו-מג), מען רופט אן זיין פאלק, אז עס איז אדום, רויט.

**איך** האב אמאל געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אז ער האט גערעדט וועגן גיין מיט רויטע קליידער, אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (**רמ"א** יו"ד סימן קע"ח) אז מען זאל נישט גיין רויט. בדרך כלל האלט מען, אז דער טעם דערפון איז, ווייל עס איז אויפפאלאנד, און מען דארף נישט גיין אויפפאלנד. האט ער געזאגט, אז דאס איז דער חיצוניות'דיגער טעם, אבער דער פנימיות'דיגער טעם דערפון איז, ווייל דער מלבוש פון די סטרא אחרא שטייט אין **זוהר הק'** אז עס איז רויט. זיי גייען געקליידט אויבן אין הימל אין רויט, ממילא האט א יוד נישט אנגעטון אזא קאליר וואס געהערט פאר עשו. האט ער געזאגט, אז דער מיליטער פון רוסלאנד, און די אראבישע מיליטער, גייען אויך געקליידעט אין רויט, ווייל אזוי ווי זיי באלאנגען צו די סטרא אחרא, איז ביי זיי רויט א חשובער מלבוש. אבער א יוד דארף נישט גיין מיט רויט, נישט מיידלעך און נישט יונגלעך, אפילו א תינוק בן יומו האט ער געזאגט, זאלן נישט זיין אנגעטון רויט[א]. זעהט מען אז רויט איז א קאליר

---

א בסעודת מלוה מלכה (מוצאי שבת קודש פ' בלק תשס"ח לפ"ק) סיפר **רבינו שליט"א**: בעת שהייתי נוסע לשבות בשבתות קודש בצל **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע** ביוניאן סיטי, סעדתי את סעודות שב"ק בביתו יחד עם חתנו **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל זצ"ל**. ופעם אחת הייתי נוכח שם בליל שבת קודש אחר התפלה, בעת שבא **הגה"ק זי"ע** לאחל גוט שבת להרבנית, ושאלה אותו הרבנית לחוות דעתו על מה שקרה בשבוע זו עם נכדם הילדה בהיותה בבית הספר, שאחד מהילדות בתוך הכתה באת לבית הספר בעוד שהיא לבושה בבגד אדום, והנכדה הוכיחה אותה בזה לאמור: שיודיש קינד אינה הולכת לבושה בבגדים אדומים. וענתה הילדה לאמור: שיודיש קינד אינה מביישת את אחרים ברבים. ושאלה הרבנית לדעת הצדק עם מי. וענה לה הגה"ק במענה פיו: הנה מובא בשלחן ערוך (יו"ד סימן קעח) שאין ללבוש בגדים אדומים משום פריצותא, ולפי טעם זה בילדה קטנה שאין שייך טעם זה היתה מותרת ללבוש, אולם כבר העירו רבותינו שטעם נוספת יש בענין זה, והוא מפני שהס"מ לבוש בבגדים בצבע אדום, וכן מצינו שהחיילים של רוסיא ובני ישמעאל גם כן הולכים לבושים בצבע זו (ראה **בדרשות חתם סופר** לשבה"ג

וואס באלאנגט פאר עשו, ויצא הראשון אדמוני ער איז ארויסגעגאנגען רויט. אבער הא גופא קשיא, פארוואס איז ער ארויסגעקומען רויט? און פארוואס פארציילט עס די תורה, און די תורה מאכט א עסק דערפון.

**מען** זעהט אז צוויי קינדער זענען נתחנך געווארן אין די זעלבע שטוב, יעקב מיט עשו, און זיי האבן געהאט אזא הייליגען טאטע ווי יצחק, און פון דעסטוועגן דאך, איז יעקב אויסגעוואקסען א איש תם יושב אהלים, און עשו איז א איש יודע ציד, איש שדה. ווי קומט דאס, אז עס האט נישט געהאט קיין שום השפעה פון יצחק'ס שטוב, אז עס זאל אויסוואקסן אזא עשו.

**עס** שטייט די וואך אין **בעלי תוספות**, אז אברהם איז שוין נצטוה געווארן אויף מצות מילה, ווען עס איז געבוירן געווארן יעקב מיט עשו. און יצחר האט געוואלט מל'ן די צוויי קינדער, אבער אזוי ווי עשו איז געווען רויט, האט ער מורא געהאט, אז אפשר איז לא נבלע דמיו באיבריו (שו"ע יו"ד סימן רס"ג סעיף א'), עס שטייט אין די גמרא (שבת קלד.), אז אזוי ווי מען מל'ט נישט א געל קינד, אזוי מל'ט מען נישט א רויט קינד. האט ער זיך צוריקגעהאלטן, און ער האט אים נישט געמל'ט, וועגן א סכנה. ווען עס איז אדורכגעגאנגען א יאר צוויי, און ער האט געזען אז עס גייט נישט אוועק, האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט א קראנקייט, עס איז נאר א נאטור ביי אים, האט ער געטראכט, אז ער וועט אפשטופן דעם ברית ביז צו די בר מצוה. [די מפרשים פלאגן זיך דערויף, ווי אזוי מען מעג אפשטופן א ברית, אבער על כל פנים אזוי שטייט דארט]. ווען ער איז אלט געווארן דרייצן יאר, און יצחק האט אים געוואלט מל'ן, האט עשו נישט געוואלט, און עשו איז געבליבן א ערל כל ימיו. קומט אויס, אז די סיבה פארוואס עשו איז געבליבן א ערל איז געווען, ווייל ער איז געווען אדמוני, ער איז געווען רויט, האט מען אים נישט געקענט מל'ן תיכף, וועגן דעם האט זיך אויסגעשטעלט שפעטער, אז מען האט אים נישט געמל'ט.

**עס** שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים), אז השגת התורה קען נישט האבן א יוד, נאר ווען ער איז געמל'ט. עס איז דא דארט א אריכות מיטן גר וואס האט זיך מגייר געווען, און ער האט געזאגט אז ער האט געוואלט לערנען די תורה, האט אים דער קיסר געפרעגט, וועגן דעם האסטו זיך נישט געמוזט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב (תהלים קמז-יט), דער אייבערשטער גיט נישט זיינע ווערטער נאר פאר איינעם וואס איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב. אבער איינער וואס איז נישט גע'מל'ט, קען נישט פארשטיין די תורה. און ער האט געוואלט פארשטיין תורה, האט ער זיך געמוזט מל'ן.

**זעהט** מען, אז די השגה פון תורה גייט נישט אריין אין א קינד, נאר אז מען האט אים געמל'ט. און אז עשו האט זיך נישט געלאזט מל'ן, ער איז געבליבן א ערל, איז וויפיל יצחק האט געוואלט אריינלייגען אין דעם עשו, איז עס נישט געגאנגען, ווייל אזוי ווי ער איז א ערל איז ביי אים נישט קולט קיין קדושה, איז עשו געבליבן א איש יודע ציד איש שדה, ווייל ער האט זיך נישט געלאזט מל'ן, און יעקב איז אויסגעוואקסען א איש תם יושב אהלים.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן תם, התהלך לפני והיה תמים (יז-א), אזוי ווי יעקב איז געווען א 'איש תם', ער איז געווען געמל'ט, 'יושב אהלים', איז ער געזעסן און געלערנט. אבער עשו אזוי ווי ער איז געווען אדמוני, און מען האט אים נישט געמל'ט, ממילא איז ער אויסגעוואקסען א עשו.

---

שנת תק"ע ד"ה הנה טעם, ובהערה שם **מהגרי"נ שטערן זצ"ל**: 'שמעתי ממו"ח **הרב רבי שלמה אלכסנדרי סופר ז"ל** שרבינו ז"ע הקפיד מאוד ומאס ושנוי היה בעיניו מלבושים בצבע אדום, ולא יראה ולא ימצא בביתו הקדוש' ע"ש), ומשום כך אין ראוי ללבוש בגדים כאלו בכלל אף לתינוק בן יומו, ולכך אמר לנכדתו שצדקה בזה במה שהוכיחה לומר שיודיש קינד אינה הולכת במלבוש כזה. אולם סיים בדבריו, שגם הילדה האחרת צודקת בדבריה, שאף שיש להוכיח, אבל צריך להיות באופן צנוע ולא ברבים, כמאמר הכתוב (ויקרא יט-יז) הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא.

**וועו** מען וויל דערמאנען עשו לרעה, אז ער זאל נישט האבן קיין כח אויף יודען, האט מען אים א נאמען געגעבן אדום, דו ביזט געווען רויט, און וועגן דעם רויטקייט האט מען דיר נישט געמל'ט. און דו האסט אוועקגעווארפען מצות מילה וואס מען האט מקבל געווען פון אונזערע אבות, און מיט דעם טוען מיר מחליש זיין די כח. ווען מען רעדט פון זיי, טוט מען זיי דערמאנען אז זיי זענען אדום, און אז זיי זענען רויט, האבן זיי נישט מקבל געווען אויף זיך דעם אות פון מילה, ממילא האט ער נישט קיין זכותים. ווייל אפילו דער פשוטסטער יוד, איז אויך מקיים מצות מילה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל שמחת האירוסין של בת הר"ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה דוד לייכטער** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמעון גרינפעלד** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אביגדור בלומענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

***יום חמישי פרשת תולדות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה דקהלתנו הק'), שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת תולדות***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי הערש מרימנוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל' חשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל האלברשטאם שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו, אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.